# חיי שרה ב

א. אויפן פסוק[1] „ה׳ אלקי השמים אשר לקחני מבית אבי ומארץ מולדתי גו׳״ וואס אברהם אבינו האט געזאגט צו אליעזר׳ן, שטעלט זיך רש״י אויף די ווערטער „ה׳ אלקי השמים אשר לקחני מבית אבי״ און איז מפרש[2]: „ולא אמר ואלקי הארץ ולמעלה אמר ואשביעך וגו׳ אמר לו עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ שהרגלתיו בפי הבריות אבל כשלקחני מבית אבי הי׳ אלקי השמים ולא אלקי הארץ שלא היו באי עולם מכירים בו ושמו לא הי׳ רגיל בארץ״[3].

לערנענדיק בפשטות, קומט רש״י באווארענען דעם טעם השינוי אין די פסוקים — וואס אין דעם פסוק זאגט ער ניט „ואלקי הארץ״, און אין פריערדיקן פסוק זאגט ער „ואשביעך בה׳ אלקי השמים ואלקי הארץ״ — איז עס רש״י מסביר „אמר לו עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ כו׳״.

לפ״ז דארף מען אבער פארשטיין:

א) דער שינוי איז דאך נאר אין דעם וואס אין דעם פסוק שטייט נאר „אלקי השמים״ „ולמעלה״ שטייט אויך „אלקי הארץ״ — טא פארוואס איז רש״י מעתיק אויך דעם ווארט „ה׳״[4] וואס שטייט אויך אין דעם פריערדיקן פסוק: „ואשביעך בה׳״[5]?

ב) צוליב וואס איז ער מעתיק דעם המשך הכתוב „אשר לקחני מבית אבי״[6], וואס דאס איז זיכער ניט נוגע צו דער שאלה?

[ואע״פ אז, בפשטות, איז ער דאס מעתיק צוליב דעם וואס ער זאגט ווייטער בפירושו „אבל כשלקחני מבית אבי הי׳ אלקי השמים ולא כו׳״ איז דאך דאס גופא ניט פארשטאנדיק, כדלקמן].

ג) פארוואס דארף רש״י מפרט זיין „ולא אמר ואלקי הארץ״ — א זאך וואס מען זעט דאס אליין? ער האט גע־דארפט אנהייבן: ולמעלה אמר כו׳. פון לשון רש״י איז משמע אז ס׳איז דא א סברא אז דא האט געדארפט שטיין „אלקי הארץ״ און דעריבער פרעגט ער (בתמי׳) „ולא אמר ואלקי הארץ״, און די תמי׳ ווערט שטארקער מצד דעם וואס „ולמעלה אמר״.

מ׳קען ניט זאגן אז די סברא פארוואס עס דארף דא שטיין „ואלקי הארץ״ איז

1) פרשתנו כד, ז.

2) כללות לשון רש״י זה הוא בב״ר פנ״ט, ח. ספרי האזינו לב, י. ילקו״ש כאן רמז קז, אבל בקיצור לשון ובשינויים. ועי׳פ המבואר לקמן בפנים פירוש מיוחד לרש״י בזה.

3) כ״ה הגירסא ברוב הדפוסים שלפנינו. אבל בדפוס ראשון ושני וכתי״ רש״י ישנם כו״כ שינויים. ונסמנו לקמן אחדים מהם. והקרוב יותר לגירסא שלפנינו הוא בדפוס שני, וידוע שהוא מדוייק יותר מדפוס ראשון וכמה כתי״ רש״י. וחתום עליו ר״ש אלקב״ץ (זקנו של בעל „לכה דודי״) שהוגה על ידו. ולהעיר שי״א שזהו דפוס ג׳.

4) כ״ה גם בדפוס ראשון ובכמה כתי״ רש״י. ובדפוס שני הד״ה של פרש״י הוא „אלקי השמים״. אבל נראה שטה״ד וחסר שם, כי אין ריוח והפסק לפני תיבת „אלקי השמים״ כמו בכ״מ בדפוס שני שיש ריוח ונקודה לפני הד״ה.

5) ופשוט שאין לומר שמעתיק הל׳ כיון ש(זוהי רק תיבה אחת ה)שייכת „לאלקי השמים״, שהרי מצינו כמ״פ שרש״י מעתיק רק התיבות שמפרש גם במקום שאינם ענין בפ״ע כ״א באים בהמשך לתיבה אחרת.

6) בדפוס ראשון ובכמה כתי״ רש״י מעתיק רק „אשר לקחני״ וכ״ה בספרי האזינו שם. ובדפוס שני ובכתי״ אחדים ליתא גם זה.

נאָר דערפאַר ווייל דאָס שטייט פריער ביי „ואשביעך", און „ולא אמר ואלקי הארץ" קומט ליתר ביאור, ווייל נוסף על הנ"ל דמאי קמ"ל, איז עכ"פ האָט רש"י געדאַרפט שרייבן בהיפך הסדר „למעלה אמר ואשביעך בה' אלקי השמים ואלקי הארץ" און [מצד דעם ווערט די שאלה] דערנאָך „וכאן לא אמר ואלקי הארץ" 7.

ד) רש"י ווייזט אָן דעם אָרט פונעם שינוי — מיט'ן וואָרט „(ולמעלה אמר) ואשביעך" 8 און דעם עצם שינוי (אַז למעלה שטייט „ואלקי הארץ") איז רש"י בלויז מרמז מיטן וואָרט „וגו'" — איז עס אַ תמי' כפולה: די ווערטער „ואלקי הארץ", וואָס בנוגע זיי איז די שאלה, איז רש"י אינגאַנצן ניט מעתיק; און דוקא דעם וואָרט „ואשביעך", וואָס איז כלל ניט שייך צו דער שאלה איז ער יאָ מעתיק? — אַ סימן אויף דעם פסוק איז בכלל איבעריק: ווען רש"י זאָגט „למעלה אמר גם ואלקי הארץ" וואָלט מען געוואוסט וועלכן פסוק ער מיינט, וויבאַלד ער שטייט אין דעם זעלבן המשך, אינגאַנצן פיר פסוקים פריער?

ב. מען וואָלט לכאורה געקענט מסביר זיין (די לעצטע צוויי שאלות עכ"פ — ובדוחק), אַז רש"י'ס שאלה דאָ איז בעיקר מצד דעם וואָרט „ואשביעך" (אליעזר'ן): אין אונזער פסוק וואו אברהם אבינו זאָגט: „ה' אלקי השמים גו' הוא ישלח מלאכו לפניך ולקחת אשה לבני משם", וויבאַלד דאָ רעדט זיך וועגן פעולת השם דאָ למטה אויף „ולקחת אשה לבני משם", וואָלט דאָ געדאַרפט שטיין אויך „אלקי הארץ": דאַקעגן „למעלה אמר ואשביעך וגו'" — דאָרט רעדט זיך וועגן דעם וואָס אברהם אבינו האָט באַשוואָרן אליעזר'ן („לא תיקח גו' ואל מולדתי תלך גו'") וואָס ער איז געוועזן „עבדו זקן ביתו" 9, דער „דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים" 10, וואָלט דאָך געוועזן גענוג צו משביע זיין אים „בה' אלקי השמים". ובפועל איז — פאַרקערט: אברהם האָט מוסיף געוועזן „ואלקי הארץ" ביי „ואשביעך" און זאָגט עס ניט אין דעם פסוק וואו דאָס האָט לכאורה יע געדאַרפט שטיין?

ס'איז אָבער שווער אַזוי צו מפרש זיין [נוסף אויף דעם וואָס עס בלייבן נאָך אַלץ שווער די אַנדערע שאלות הנ"ל], דלפ"ז האָט רש"י געדאַרפט ברייגגען (בתחלת פירושו ו)בעיקר דעם המשך וסיום הכתוב „הוא ישלח מלאכו לפניך ולקחת אשה לבני משם" (אָדער עכ"פ מרמז זיין דאָס מיט „וגו'"), וויבאַלד אַז אין דעם באַשטייט דער עיקר השאלה.

ג. אויך דאַרף מען פאַרשטיין כמה פרטים ודיוקים אין דעם תירוץ וביאור פון רש"י:

א) אויב כוונת רש"י בפירושו איז, ווי ס'איז משמע בפשטות — אַז מיטן שינוי לשון (פריער „אלקי השמים ואלקי הארץ" און איצט נאָר „אלקי השמים") האָט אברהם געמיינט מדגיש זיין דעם אונטערשייד, אַז „עכשיו כו' שהרגלתיו וכו' אבל כשלקחני כו'" — איז ניט מובן פאַרוואָס רש"י איז מוסיף „אמר לו עכשיו וכו'" און הייבט ניט אָן זיין ביאור

---

7) אבל זה שרש"י לא כ' פירושו על הכתוב דלמעלה „ואשביעך בה' אלקי השמים גו'" (כבב"ר ובילק"ש), מובן, כי שם לא יודעים עדיין מהשינוי. משא"כ בב"ר שאינו מתחיל בקושיא אלא מפרש הענין.

8) עד"ז הוא בדפוס שני אלא שכנראה מעתיק שם גם „(ואשביעך) בה' וגו'". ובדפוס ראשון ובכמה כת"י מעתיק „ואשביעך בה' אלקי השמים ואלקי הארץ". אבל גם בזה יוקשה למה הוצרך להעתיק גם „ואשביעך גו'".

9) פרשתנו כד, ב.

10) פרש"י לך טו, ב.

„עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ" וכיו"ב, [ע"ד ווי ס'איז דער לשון אין ספרי און אין מדרש [11] וואו עס שטייט ניט „אמר לו"].

פון לשון „אמר לו" איז מוכח אַז רש"י לערנט אַז דער ענין פון „עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ כו'", האָט אברהם מסביר געווען צו אליעזר'ן ניט בלויז דורך שינוי לשונו, נאָר דורך אַן אמירה מפורשת (בדבור) צו אליעזר'ן דאָ.

און אַזוי איז אויך ניכר פון אריכות לשון רש"י: „שהרגלתיו בפי הבריות אבל .. שלא היו באי עולם מכירים בו ושמו לא הי' רגיל בארץ" (ובפרט אין אַ לשון — מדבר בעדו); אויב אַלץ וואָס אברהם האָט געזאָגט איז געווען ניט מער ווי דער שינוי בנוגע „ואלקי הארץ", האָט רש"י געדאַרפט נאָר פאַר־ענטפערן דעם שינוי — „עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ אבל כשלקחני מבית אבי הי' אלקי השמים ולא אלקי הארץ" — פון דער אריכות והסגנון איז מובן אַז דאָס האָט אברהם געזאָגט מפורש. איז ניט מובן: (א) וואו איז מרומז אין פסוק אַז דאָ איז בכלל געווען אַן אמירה פון אברהם צו אליעזר'ן, (ב) ובפרט — די פרטי הדברים אין דער אמירה?

ב) רש"י איז ממשיך „אבל כשלקחני מבית אבי הי' אלקי השמים ולא אלקי הארץ": למאי נפק"מ אַז דאָס איז געווען אין דער צייט ווען „לקחני מבית אבי"? הן אמת אַז רש"י באַנוצט זיך מיט'ן לשון הכתוב וואָס שטייט ביי דעם — „ה' אלקי השמים אשר לקחני מבית אבי", אָבער אין פסוק איז דאָך די כוונה אין אברהם'ס דבור גאָר אַן אַנדערע (צו אויסרעכענען די טובות וואָס דער אויבערשטער האָט געטאָן צו אים „לקחני מבית אבי ומארץ מולדתי ואשר דיבר לי וגו'", וואָס דערפאַר וועט ער אויך זיכער (וכהדגשה „הוא") ישלח מלאכו גו') [12] וואָס די כוונה איז ניט נוגע אין דער הסברה פון דעם שינוי [13].

ג) ביים זמן פון „עכשיו" זאָגט רש"י נאָר „שהרגלתיו בפי הבריות", דאַקעגן ביים זמן פון שלילה איז רש"י מוסיף „שלא היו באי עולם מכירים בו (ושמו לא הי' רגיל בארץ)" [14], דלכאורה אויך ביי עכשיו האָט ער געדאַרפט מוסיף זיין דאָס וואָס איז בניגוד צום ערשטן ענין: שהכרתיו אצל באי עולם, וכיו"ב [15].

ד) רש"י באַנוצט דאָ אַ נייעם (בפירו־שו) אויסדרוק „באי עולם" — ומשנה פון לשונו גלייך פאַר דעם „הבריות". — ומסיים מיט אַ דריטן לשון „בארץ"!

ה) בא „בריות" זאָגט ער „הרגלתיו" בא „בארץ" — „שמו לא הי' רגיל" — בא „באי עולם" — „מכירים בו".

ד. וועט מען דאָס אַלץ פאַרשטיין בהקדים אַ תמי' כללית אין דעם פרש"י:

---

11) ראה מ"מ שנסמנו בהערה 2. אבל להעיר שבספרי הוא בסתמא (לא דברי אברהם). ובב"ר ובילי"ש „עד שלא הודעתי אותו לבריותיו כו'" (שהוא דברי אברהם). אבל גם שם אינו מפורש שזה הי' אמירה לאליעזר.

12) אבל ראה רשב"ם, רד"ק וחזקוני כאן.

13) וכמו שהוא בספרי ובב"ר שאינו מדגיש הזמן שלא הי' „אלקי הארץ" והזמן שנתפרסם כ"א — שזה הי' ע"י פעולת אברהם.

14) בדפוס ראשון ובדפוס שני ובכו"כ כת"י רש"י ליתא הסיום „ושמו לא הי' רגיל בארץ".

15) גם צלה"ב: לכאורה הו"ל לרש"י לפרש בסדר הפוך — מתחלה מה שאמר על אתר, בכתוב זה „ה' אלקי השמים" דכשלקחני מבית אבי הי' אלקי השמים ולא כר, ולאח"ז מש"א בכתוב לפנ"ז „אבל עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ שהרגלתיו בפי הבריות" דזהו עיקר ההדגשה כאן. וכ"ה בכ' כת"י רש"י (ה"א קלא. ה"א קעג).

וואָס איז בכלל נוגע דאָ, אין דעם המשך הדבור פון אברהם'ן מיט אליעזר'ן וועגן אַ שידוך פאַר יצחק'ן, דער ענין אַז „עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ כו' אבל כשלקחני מבית אבי ה' אלקי השמים ולא אלקי הארץ" ?

איז דער ביאור בזה: בשעת אברהם האָט באַשוואָרן אליעזר'ן „אשר לא תיקח אשה לבני מבנות הכנעני אשר אנכי יושב בקרבו כי אל ארצי ואל מולדתי תלך גו'", איז פאַרשטאַנדיק, אַז אברהם וויל ניט פאַר יצחק'ן אשה מבנות הכנעני, כאָטש אפילו אַז „אנכי יושב בקרבו" — זיי זיינען נאָענט צו אברהם און אונטער זיין השפעה, פונדעסט־וועגן וויל אברהם דוקא פון „(ארצי ו)מולדתי". ובפשטות הטעם — צוליב דער מעלה וואָס זייענדיק פון משפחת אברהם זיינען זיי מצד עצמם בעסער, איידעלער, און נאָענטער צו די תכונות פון אברהם [16].

האָט אליעזר דערויף געפרעגט: „אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי .. ההשב אשיב את בנך אל הארץ אשר יצאת משם": וויבאַלד אַז דאָס איז דאָך אַן אָרט וואָס „יצאת משם", אברהם קומט פון דאָרט'ן, האָט דאָרט געלעבט, וואָלט מתאים געווען אַז „אשיב את בנך" אַהין. און בשעת אברהם האָט אים געענטפערט: „השמר לך פן תשיב את בני שמה" האָט געמוזט ביי אליעזר'ן ווערן אַ תמי' גדולה — ממנ"פ: אויב דער אָרט וואָס „יצאת משם", וואָס איז ארצו ומולדתו פון אברהם האָט אין זיך אַזאַ מעלה אַז דוקא פון דאָרטן ולקחת אשה לבני — פאַרוואָס זאָל ער יצחק'ן ניט אומקערן אַהין [17] ?

ולאידך, אויב ס'איז בעיקר וויכטיק און חשוב דער אָרט וואו אברהם געפינט זיך איצט, ער וויל ניט אַז יצחק זאָל אַוועקגיין (פון השגחת והשפעת אברהם) אפילו אַהין וואו ס'איז געווען מולדתו של אברהם (ווייל די השפעה פון אברהם אויף די וואָס ער איז „בקרבו" וועגט איבער די מעלה פון „ארצו") — איז פאַרוואָס זאָל ער ניט נעמען „מבנות הכנעני" וויבאַלד אַז „אנכי יושב בקרבו" ?

מוז מען זאָגן אַז אברהם האָט עפּעס געזאָגט אליעזר'ן וואָס האָט פאַר־ענטפערט די תמי' — הגם דער ענטפער איז ניט מפורש אין די פסוקים — און דאָס איז כוונת רש"י בפירושו „ולא אמר ואלקי הארץ ולמעלה אמר ואשביעך וגו'": (א) דערפון איז מוכח אַז אברהם האָט געגעבן אַן ענטפער אויף דער תמי', ובמילא (ב) איז מובן אַז דער ענין פון „עכשיו הוא אלקי וכו' אבל כשלקחני וכו'" איז נוגע צום תוכן השליחות פון אליעזר.

ה. והביאור:

רש"י שטעלט זיך אויף די ווערטער „ה' אלקי השמים אשר לקחני מבית אבי" און איז מדייק אַז וויבאַלד אַז „ברא אלקים את השמים ואת הארץ" און פונ־דעסטוועגן „ולא אמר ואלקי הארץ", איז מוכח אַז די ווערטער „אלקי השמים" זיינען ניט געזאָגט אַלס סתם שבח פון דעם אויבערשטן וויבאַלד מען דער־מאָנט זיין נאָמען [18] (וע"ד „א־ל עליון

---

16) וראה כלי יקר כאן. לקו"ש ח"ו ע' 256.

17) דאין לומר דטעמו של אברהם שלא רצה שיצחק יצא לחו"ל בכלל הוא מפני שהוא עולה תמימה, כי הרי פשיטא שיצחק ידע שהוא עולה תמימה, ובכ"ז הי' דעתו לרדת מצרימה (תולדות כו, ב ובפרש"י) והוזקק לציווי (והודעה) אז ש„אל תרד מצרימה גו' גור בארץ הזאת" — מובן שעד אז לא הי' עדיין איסור זה. וראה בארוכה לקמן ע' 200 ואילך.

18) ולכן מעתיק גם תיבת „ה'" (ומכיון שמ"ש

קונה שמים וארץ" וואס שטייט פריער[19] — ווארום דעמאלט האט ער געדארפט זאגן דעם שבח בשלימותו, זאגן אויך „ואלקי הארץ":

„ולמעלה אמר ואשביעך וגו'": אויף למעלה, וואו עס שטייט „אלקי השמים ואלקי הארץ", וויבאלד דאס איז געזאגט ביי „ואשביעך", וואס ביים דערמאנען דעם שם ה' אינמיטן בא א שבועה איז ניט מתאים צו מפסיק זיין מיט סתם דברי שבח[20] (און דעריבער איז רש"י מעתיק „ואשביעך", ווייל דערפון איז דער הכרח אז „וגו'" [אלקי השמים ואלקי הארץ] איז ניט סתם א שבח).

נאר מ'מוז אננעמען, אז סיי „אלקי השמים" דא און סיי „אלקי השמים ואלקי הארץ" — „למעלה" זיינען נוגע צום תוכן דברי אברהם צו אליעזר'ן, דערמיט האט ער מסביר געווען די תמי' הנ"ל: ממנ"פ וכו' (דערפאר מוז רש"י זאגן „אמר לו" — ס'איז ניט סתם א לימוד וביאור השינוי, נאר אן ענין וואס אברהם האט געזאגט און מסביר געווען צו אליעזר'ן).

און היות, אז ער האט משנה געווען בלשונו — פריער „אלקי השמים ואלקי הארץ" און איצט נאר „אלקי השמים" — איז מובן אז אין דעם שינוי איז מרומז די הסברה פון אברהם צו אליעזר'ן:

„אמר לו עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ שהרגלתיו בפי הבריות", וואס דערמיט פאלט אפ די תמי' פאר־וואס אברהם וויל ניט נעמען פון די „בנות הכנעני אשר אנכי יושב בקרבו" — ווארום הגם אז „עכשיו" איז דער אויבערשטער דא (במקומו של אברהם) אויך „אלקי הארץ" דורכדעם וואס אברהם האט דא מפרסם געווען אלקותו ית' בעולם, האט דאס אבער נאך ניט משפיע געווען אויף די בנות המקום ביז צו זיין ראוי אלס שידוך פאר יצחק'ן, ווייל דאס איז נאר אין אן אופן „שהרגל־תיו בפי הבריות" — בלויז אן ענין פון רגילות „בפי הבריות", אבער ניט קיין שינוי אין הנהגה און אין מעשה.

„אבל כשלקחני מבית אבי הי' אלקי השמים ולא אלקי הארץ שלא היו באי עולם מכירים בו ושמו לא הי' רגיל בארץ": לאידך גיסא האט אבער קיין ארט ניט צו ברענגען יצחק'ן אינעם ארץ פון „בית אבי", ווייל די השפעה פון אברהם, דער „ויקרא שם בשם הוי' א־ל עולם"[21], ביז צום ווערן אויך „אלקי הארץ" (לכה"פ אין אן אופן פון „הרגלתיו בפי"), איז ערשט געווען שפעטער נאכדעם ווי „לקחני מבית אבי": „אבל כשלקחני מבית אבי וכו' לא הי' רגיל בארץ" — ובמילא איז דער ארט פון „בית אבי" געווען (און געבליבן) אין אן אופן וואו ס'איז געווען נאר „אלקי השמים ולא אלקי הארץ"[22], זיי האבן ניט מכיר געווען דעם אויבערשטן, און „שמו לא הי' רגיל בארץ".

---

אלקי השמים אי"ז בשביל לשבחו הרי הי' מספיק שיאמר רק ה'. וכ"כ במשכיל לדוד כאן).

19) לך יד, יט.

20) לא מסתבר שנאמרו בשביל להוסיף חומר בהשבועה — דמכיון שהשביע את עבדו זקן ביתו וכו' (ואשביעך) לא הי' צריך לזה (כנ"ל ס"ב). ובוירא (כא, כג): השבעה לי באלקים — ותו לא. ועד"ז בכ"מ.

21) וירא כא, לג. וכפרש"י שם. ולהעיר מפרש"י לך יב, ה. וראה לקמן הערה 31.

22) ועפ"כ כ"ז מובן החילוק והשינוי דפרש"י מהספרי וב"ר ויל"ש: בהנ"ל מפרש רק החידוש שעשה אברהם ד„המליכו על השמים ועל הארץ" (ספרי שם) „הודעתי אותו לבריותיו" (ב"ר שם), ולא עסוק בפי' דברי אברהם בהכתובים שלפנינו, ולכן נאמר בסתמא „עד שלא בא אברהם אבינו לעולם כו' לא הי' הקב"ה מלך כו'" (ספרי שם) „עד שלא הודעתי אותו לבריותיו כו'" (ב"ר שם).

וא"ו. דערביי איז רש"י משנה די תוארים וכו' כנ"ל — דאָ זעט מען ווידער אַמאָל אויף וויפיל יעדער וואָרט בפרש"י איז בתכלית הדיוק.

ובהקדם עכ"פ בקיצור, ועל הסדר: אז הוחל לקרוא בשם ה'[23] — איז רש"י מפרש אַז מ'האָט געמאַכט חולין פון שם ה', מ'האָט מיט עם גערופן אדם און עצבים.

ויקרא שם בשם ה' א־ל עולם[24] — איז רש"י מפרש אַז אברהם האָט דאַמאָלס אויפגעטאָן אַז מ'זאָל וויסן, אַז ניט משלי אכלתם נאָר משל מי שאמר והי' העולם די וועלט געהערט צו „אלוקה העולם". — ע"פ כהנ"ל איז מובן — אַז

א) פון ימי אנוש — האָט מען אַלץ געוואוסט פון שם הקב"ה נאָר מ'האָט עם געמאַכט חולין, וואָס דאָס באַווייזט אַז לא היו מכירים בו (בהקב"ה).

ב) פאַר אברהם'ס „ויקרא" האָט מען גערעכנט אַז „משלי אכלתם" און עד"ז בא יעדער זאַך וענין — איז פאַרשטאַנדיק אַז שמו לא הי' רגיל, וואָרום אַלץ איז געווען אָדער שלו, אָדער של חברו וכו'.

ג) במילא איז מכירים אַז ער איז „אלקי השמים", אָבער „באי העולם" (איידער אברהם'ס „ויקרא" — דער ריידן צו זיי) — לא היו מכירים בו[25], זיי האָבן געמיינט אַז „משלי אכלתם" און

ד) „בארץ" איז ניט רגיל רעדן וועגן „שמים" איז דערפאַר אויך שמו ניט געווען רגיל (כאָטש מ'האָט מכיר געווען שמו, אלקי השמים).

ה) אברהם האָט מרגיל געווען ניט נאָר „שמו", נאָר אויך הרגלתיו, עס אַליין — אַלס „אלקי הארץ" — בא יעדער אכילה וכו' 1) האָט ער זיי געזאָגט אַז „משלו אכלתם" 2) אמר להם ברכו (בפי).

ואו) הנפש אשר עשו בחרן זאָגט רש"י אַז ער האָט זיי מגייר געווען[26] האָבן זיי אויך מכיר געווען בו, אָבער בנוגע „בריות" איז געווען נאָר „הרגלתיו בפי", אָבער ניט מכירים.

ז. דער ביאור בפנימיות הענינים:

לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין: דאָס וואָס אברהם האָט אויפגעטאָן „עכשיו" איז דאָך געווען, אַז דער אויבערשטער איז אויך „אלקי הארץ", וואָרום „אלקי השמים" איז ער דאָך אַלעמאָל געווען — היינט פאַרוואָס איז עס רש"י כופל ומאריך: „עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ כו' אבל כשלקחני מבית אבי הי' אלקי השמים ולא אלקי הארץ", און ער זאָגט ניט בקיצור: „עכשיו הוא גם אלקי הארץ אבל כשלקחני מבית אבי לא הי' אלקי הארץ"[27]?

איז די הסברה אין דעם[28]: בשעת אברהם איז געווען בחו"ל אין חרן, איז זיין מדריגה געווען אין אַן אופן פון העלם פון דער בחי' החכמה, און דערי־בער איז זיין נאָמען דעמולט געווען

23) בראשית ד, כו.

24) וירא כא, לג.

25) ובפרט ע"פ פרש"י (וירא יח, יט): מקרבו אצלו (ויותר מזה) ויודעו (ויותר מזה) ומכירו.

26) לך יב, ה ובפרש"י.

27) להעיר מהגירסא בא' מכת"י רש"י „לא הי' אלא אלקי השמים ולא אלקי הארץ" ובב' כת"י רש"י (דלעיל הערה 15) „אבל עתה הוא אלקי הארץ".

28) בהבא לקמן — ראה תו"א לך יא, א ואילך. מאמרי אדה"ז — הנחות הר"פ ע' ה ואילך. תו"ח לך פג, ד ואילך. צ, א. אוה"ת לך תתרעה, א ואילך (בביאור השאלה למה לא נאמר בתורה מעלת אברהם שהי' מאכיל אורחים עד שבא לא"י). וראה בפרטיות בספר הערכים־חב"ד ח"א ערך אברהם. ושנ"נ.

„אברם" — אב רם, לשון רוממות והעלם; און דאָס איז אויך דער ענין פון „חרן" וואָס איז בגימטריא „גרון", וואָס גרון איז מפסיק די המשכה פון שכל צו מדות.

עד"ז איז אויך געווען אין דער המשכה וואָס איז נמשך געוואָרן דורך זיין עבודה, אַז ער האָט ממשיך געווען תוספות אורות למעלה באצילות, די המשכה איז אָבער ניט אַראָפּגעקומען אין בי"ע און אין עוה"ז.

ערשט נאָכדעם ווי דער אויבער־שטער האָט אים געזאָגט „לך לך מארצך וממולדתך גו׳ אל הארץ" און ער איז געקומען אין ארץ ישראל, איז דעמולט געווען די ירידה און המשכה פון העלם המוחין אין מדות, ביז אין מלכות בחי׳ ארץ[29]; און דעמולט זיינען אויך די תוספות אורות, וואָס אברהם האָט ממשיך געווען אין אצילות, אַראָפּ־געקומען אויך למטה בבי"ע און עוה"ז.

וואָס עפי"ז איז מובן דער טעם וואָס נאָר „עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ"[30], אָבער „כשלקחני מבית אבי הי׳ אלקי השמים ולא אלקי הארץ" — הגם אַז אויך ב„בית אבי" אין חרן האָט אברהם געטאָן אין מפרסם זיין אלקות אין וועלט[31], ווייל היות אַז דעמולט איז מדריגתו געווען בבחי׳ העלם המוחין, האָט דאָס ניט געפּועל׳ט אין וועלט, אַז עס זאָל זיין „אלקי הארץ".

און דאָס איז אויך דער טעם וואָס אברהם האָט געזאָגט „אבל כשלקחני מבית אבי הי׳ אלקי השמים (ולא אלקי הארץ)", וואָרום אויך ב„בית אבי" האָט אברהם געפּועל׳ט דורך זיין עבודה אין דעם ענין פון „אלקי השמים", עס זאָל נמשך ווערן תוס׳ אורות אין אצילות; נאָר דעמולט איז געווען וואָס „ולא אלקי הארץ", אַז עס איז ניט נמשך געוואָרן אין וועלט.

ח. לויט דעם וועט מען פאַרשטיין וואָס ער האָט געזאָגט „עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ" — וואָרום אויך אינעם ענין פון „אלקי השמים" איז געווען אַ חידוש אין „עכשיו" לגבי פריער:

דאָס וואָס אברהם האָט עכשיו גע־פּועל׳ט אַז עס זאָל זיין אויך „אלקי הארץ", אַז די המשכות דלמעלה אין אצילות זאָלן נמשך ווערן אויך בבי"ע[32], איז געווען מצד דעם וואָס עס איז נמשך און נתגלה געוואָרן דער העלם החכ׳ וואָס איז העכער פון אצילות. די תוס׳ אורות וואָס אברהם האָט פריער ממשיך געווען אין אצילות זיינען געווען אויף וויפל ס׳איז אויסגעשטעלט לכתחילה אין השתלשלות, בשעת אָבער דער אויבערשטער האָט אים געזאָגט (וואָס דאָס איז אויך — נתינת כח אויף דעם) „לך לך מארצך וממולדתך גו׳" און ער איז אַרויס פון חרן אין א"י, דעמולט איז נתגלה געוואָרן דער אב רם, דורך דעם וואָס אין עס איז נמשך געוואָרן פון העלם שלמעלה מזה, עס איז געוואָרן דער קישור וחיבור פון מאציל מיט

29) תו"א שם יא, ב. ועוד. וראה תוד"ה אמר ברכות מ, ב. רא"ש שם (סכ"ג). רבעה"ת כאן (ועוד) דאלקי אברהם הוי כמו מלכות דהמליכו כו׳.

30) להעיר מאוה"ת כאן עה"פ (תשצ, א ואילך) השייכות דאלקי הארץ לנשואי יצחק ורבקה ועבודת אברהם.

31) ויתירה מזה נאמר „את הנפש אשר עשו בחרן — אברהם מגייר כו׳" (לך יב, ה ובפרש"י).

אבל להעיר מתו"א יב, ריש ע"א „כי אחרי שנקרא אברהם בה"א שעי"ז המשיך התגלות בבחי׳ מל׳ .. הי׳ יכול להעלות ניצוצות כו׳ וכמ"ש ואת הנפש אשר עשו כו׳" (ומשמיט תיבת „בחרן"). וראה לקו"ש ח"י ע׳ 89 הערה 14.

32) ראה תו"ח ואוה"ת שבהערה 28.

נאצלים, און ע״י עבודת אברהם איז נמשך געווארן תוס׳ אורות באצילות מער ווי עס איז אויסגעשטעלט ע״פ סדר ההשתלשלות.

קומט אויס, אז אויך דער ענין פון „אלקי השמים״, וואס אברהם האט גע־פועל׳ט „עכשיו״, איז געווען אין א העכערן אופן ווי „כשלקחני מבית אבי״: ואדרבה, מצד דעם עילוי והוספה וואס עס איז געווארן אין „אלקי השמים״, אין דער המשכה ויחוד אין אצילות, האט זיך דורכדעם אויפגעטאן דער ענין פון „אלקי הארץ״, אז דער העלם פון אצילות זאל נמשך ונתגלה ווערן אויך בבי״ע, ביז למטה.

ט. אעפ״כ, וויבאלד דאס איז גע־ווען קודם ביטול הגזירה וואס דאמאלס „התחתונים יעלו לעליונים והעליונים ירדו לתחתונים״, וואס האט זיך אויפ־געטאן ביי מ״ת[33] [איז הגם אז עבודת אברהם ביציאתו פון חרן לא״י איז געווען די הכנה צום חיבור עליונים ותחתונים במ״ת[34]], האט די עבודה פון אברהם ניט גע׳פועל׳ט א שינוי און אן עלי׳ אין מהות פון עניני העולם און די בריות שבהם[35], אז עס זאל זיין אלקי הארץ אין אן אופן פון הכרה, נאר ניט מער ווי „הרגלתיו בפי הבריות״.

(משיחות ש״פ חיי שרה תשל״ב)

33) שמו״ר פי״ב, ג. וש״נ.

34) ראה אוה״ת לך תרפז, ב. וראה תו״א שם יא, ג. תו״ח פז, ב. ובכ״מ.

35) וראה לקו״ש שבהערה 31, גם ביחס האבות עצמם שאצל יעקב דוקא הי׳ עבודתו בירור עניני עולם לקדושה, משא״כ אברהם.

# חיי שרה ג

א. „ויביאה יצחק האהלה שרה אמו וגו'"[1] — איז רש"י מעתיק פון דעם פסוק די ווערטער „האהלה שרה אמו" און איז מפרש: „ויביאה האהלה והרי היא שרה אמו כלומר ונעשית דוגמת שרה אמו[2] שכל זמן ששרה קיימת הי' נר דלוק[3] מע"ש לע"ש וברכה מצוי' בעיסה[4] וענן קשור על האהל, ומשמתה פסקו וכשבאת רבקה חזרו".

מפרשים[5] טייטשן, אז רש"י איז מדייק זיין פירוש פונעם ווארט „האהלה" וואס שטייט פאר „שרה אמו"[6]: אויב דער פשט וואלט געווען ווי ס'זעט אויס אין פשטות אז „שרה אמו" איז דער אפטייטש פון „האהלה" (אין אהל פון שרה אמו), האט געדארפט שטיין „אהלה שרה אמו"[7] אדער „לאהל שרה אמו"; עס קען אבער ניט שטיין „האהלה" (מיט א ה"א הידיעה) וואס באדייט אז ס'איז שוין ידוע וועמענס אהל דאס איז[8]. דערפון נעמט רש"י דעם פירוש אז מיט „ויביאה (יצחק) האהלה" איז דער ענין אפגעשלאסן, און „שרה אמו" איז נאך אן ענין — „והרי היא שרה אמו".

לויט דעם הסבר איז אבער ניט פארשטאנדיק:

א) פארוואס איז רש"י (וואס יעדער ווארט זיינער איז אויסגערעכנט) מעתיק פון פסוק אויך דעם ווארט „אמו": דער דיוק און הכרח איז דאך פארבונדן מיט דעם וואס נאכן „האהלה" קומט „שרה" — און וויבאלד דאס ווארט „אמו" איז ניט נוגע צום דיוק האט ער עס ניט געדארפט מעתיק זיין?

ב) פארוואס טייטשט רש"י אז „וה"ה שרה אמו" מיינט „שכל זמן כו'" — אז ס'זיינען געווען דערביי נסים, און באנוגנט זיך ניט מיט זאגן אז אירע מעשים זיינען געווען ווי „שרה אמו"[9]?

ג) אננעמענדיק, אז רש"י האט א הכרח אז דערביי איז געווען א נס — ס'איז אבער ניט מוכרח אין פשש"מ וואס פאר א נס איז געווען, ועאכו"כ אז ס'איז ניט מוכרח אז עס זיינען געווען מער ווי איין נס, און נאכמער אז עס זיינען געווען די אלע דריי פרטים; [און ווי מ'זעט אין תיב"ע[10]

---

1) פרשתנו כד, סז.

2) ברש"י כת"י ובדפוס ראשון ושני דרש"י — בסדר הפוך: „ויבאה* האהלה ונעשית דוגמת שרה אמו כלומר והרי היא (כ)שרה אמו".

3) בדפוסים שבהערה 2 מוסיף (לאחרי „נר דלוק") „באהל". וראה לקמן הערה 8, 9. ובדפוס ראשון: נר דולק. וראה לקמן סוף הערה 32.

4) בדפוס שני: בפת ובעיסה.

5) רא"ם, גו"א, ש"ח, משכיל לדוד, דקדוקי רש"י. ועוד.

6) ראה גם זח"א קלג, א.

7) כי כל תיבה שצריכה למ"ד בתחילתה הטיל לה ה"א בסופה (רש"י לך יד, י).

8) ראה גם אבי עזר לראב"ע כאן. וברמב"ן חסר הנסמך כו'.

---

*) בדפוס שני: הביאה.

9) וכמו"ש בת"א „וחזא והא תקנין עובדהא כו'". ולהעיר שגם בת"א מפרשים (נתינה לגר) שדיוקו הוא מה"א הידיעה וחסרון הנסמך.

10) עה"פ (אלא שמפרש הענין ד„נר דלוק" באו"א — ראה לקמן הערה 29). וכ"ה בזהר שם (ושם ג, א). ובפס"ז עה"פ — רק בנוגע להענן. וראה של"ה פרשתנו (רפד, א בהגהה) הטעם שבזהר נזכר רק נר דלוק. וברמב"ן כאן רק „הייתה ברכה מצוי' בעיסה".